"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
## שמותיו של הקב"ה

אידיש

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר מ"ב**
חודש סיון שנת תשפ"ה לפ"ק

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**

~ ~ ~

**ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל:** dyyms12@gmail.com
**וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים**
**נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9**

©
כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר

'וביום שמחתכם ובמועדיכם' ......... א
'שכל גדול' 'ורחמים גדולים' ......... ב
שתי נוסחאות בתכלית בריאת העולם ......... ג
די טיפע סודות פון דעם אל"ף בי"ת ......... ה
געפרעגט דעם אויבערשטן פשט אין זוהר ......... ז
זיך פארקויפט אינאיינעם מיט דער תורה ......... ט
גם סדר משניות ניתנה למשה מסיני ......... יא
אַראָפּ מיליאַרדן מדריגות ביז צו קליינע קינדער... ......... יג
'וּמִמִּדְבָּר מַתָּנָה' ......... טו
נישט געלונגען אים מסמיך צו זיין ......... טז
עס הייסט נישט "געוואוסט" ......... יז
על ידי התורה נשלם כוונות הבריאה בשני אופנים ......... יט
'ועטרותיהם בראשיהם' 'ונהנים מזיו השכינה' ......... כ
"ורצית בנו" מיינט מען אויך דיר ......... כא
דאס ווילד פאלק! ......... כב
ליב האבן די תורה אפילו דו פארגעסט ......... כד

**חלק מהוצאות נתנדב**
**לע"נ שר הצדקות והחסד**
הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו
**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **אהרן אלימלך לעפקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר מ"ב

## שמותיו של הקב"ה

### הכנה לשבועות שנת תשס"ט לפ"ק

**'וביום שמחתכם ובמועדיכם'**

ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהילתך. איך נעם רשות צו רעדן דברים פשוטים וידועים, דברי חז"ל הקדושים, לכבוד דעם הייליגן יום-טוב הבעל"ט.

**"אֵלֶּה מוֹעֲדֵי ה' מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ"**[א]. "מקרא קודש" טייטשט דער **רבי**[ב], די ימים טובים רופן אויס הייליגקייט.

מצד אחד שטייט, "מועדי ה'", אז דאס איז דעם אויבערשטנ'ס יום־טוב, ומצד אחד שטייט[ג], **"וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וּבְמוֹעֲדֵיכֶם"**, אז דאס איז אונזער יום-טוב; וויבאלד מיר מאכן א יום-טוב 'צוזאמען' מיטן בורא עולם לכבוד דעם הייליגן יום-טוב, לכבוד דעם שייכות וואס

---

**א.** ויקרא כג לז.

**ב.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ד אות ו: **כל אחד מהימים טובים מכריז וקורא ומגלה את הרצון, שהכל מתנהג רק על פי רצונו בלבד**, בבחינת (ויקרא כ"ג): **"מקרא קודש"**, שהיום טוב קודש קורא ומכריז את הרצון כנ"ל, כי בכל יום-טוב ויום-טוב עשה ה' יתברך עמנו אותות נוראות, שהם היפך הטבע, שעל ידי זה נתגלה הרצון, שהכל ברצונו, ואין שום חיוב הטבע כלל. בפסח יציאת מצרים, שהוציאנו ממצרים באותות נוראות. **בשבועות - מתן תורה, שנתן לנו התורה באותות נוראות.** בסוכות היקף ענני כבוד. ועל כן כל יום-טוב ויום-טוב מכריז וקורא את הרצון בבחינת מקרא קודש כנ"ל.

**ג.** במדבר י י.

מיר האבן מיטן אויבערשטן דורך דעם יום-טוב, און לכבוד דער הייליגקייט וואס דער יום-טוב רופט אויס[ד].

## 'שכל גדול' 'ורחמים גדולים'

דער **רבי** זאגט אין סימן נ"ו[ה], 'שבועות' איז א "שכל גדול וגבוה מאד", און אט דער שכל - זאגט דער רבי - איז "חסד עליון ורחמים גדולים".

לכאורה, וואספארא שייכות האט 'שכל גדול' צו 'חסד עליון ורחמים גדולים'?

נאר דער רבי דרשנ'ט דארטן נאך פריער[ו], עס איז דא א פסוק[ז] אז לעתיד וועט זיין, "**וְגָר זְאֵב עִם כֶּבֶשׂ**". א זאב איז א גרויסע פוקס,

**ד.** עיין ספר 'דורשי יהודך' (פסח ח"א, מאמר יא) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: אין ליקוטי מוהר"ן אין סימן ז', זאגט דער רבי: **'עיקר הגלות אינו אלא בשביל חסרון אמונה, אזוי ווי עס שטייט** (שיר השירים ד ח) **"תבואי תשורי מראש אמנה"'**. דער רבי זאגט דארט אין דער תורה (אות א), בשעת עס וועט נתרבה ווערן אמונה אויף דער וועלט – **'אז יבוא משיח כי עיקר הגאולה תלוי בזה, אזוי ווי עס שטייט: "תבואי תשורי מראש אמנה"'**.
מיט דעם פארשטייט מען די גמרא (ברכות לג ע"א): **"אמר רבי אלעזר כל אדם שיש בו דעה, כאילו נבנה בית המקדש בימיו"**; אז מען האט אין מח דעם אויבערשטן, מען לעבט מיטן אויבערשטן, איז מען אַן אויסגעלייזטער!
בפרט אין די ימים טובים ומועדים וואס מען מאכט א יום טוב פארן אויבערשטן, מען מאכט א יום טוב פארן אויבערשטן, נישט נאר א יום טוב 'פארן' אויבערשטן, נאר א יום טוב 'צוזאמען' מיטן אויבערשטן! עס איז דעם אויבערשטנ'ס יום טוב - אלה מועדי ה', און עס איז אונזער יום טוב! **מען איז חוגג א יום טוב צוזאמען מיטן אויבערשטן!**.

**ה.** שם, אות ז': וזה בחינת שבועות. כי **שבועות הוא בחינת שכל גדול וגבוה מאד, שהוא חסד עליון ורחמים גדולים**. כי גודל הרחמים, תלוי בגודל הדעת כנ"ל. כי 'בשעת מתן תורה, נראה להם כזקן מלא רחמים' (מכילתא פר' בשלח, ופר' יתרו, והובא בפירש"י פר' יתרו). וזקן הוא בישוב הדעת, ובזה תלוי גודל הרחמים כנ"ל, ועל כן שבועות הוא חסד עליון ורחמים גדולים.

**ו.** שם אות ו': לפי הגדלת הדעת, כן נתרבה השלום. כי שלום תלוי בדעת, כמו שכתוב (ישעיה י"א): "וגר זאב עם כבש וכו' כי מלאה הארץ דעה". שיהיה שלום נפלא בעולם, שיוכלו לגור ביחד שני הפכים, מחמת גודל הדעת שיהיה אז. כי על ידי הדעת נגדל השלום, כי

א גרויסער אכזר אויף א כבש - אויף א שעפּס. איז לעתיד וועט זיין "וגר זאב עם כבש" - דער זאב וועט וואוינען צוזאמען מיטן כבש. **"וְנָמֵר עִם גְּדִי יִרְבָּץ"**. א 'נמר' איז א גרויסער אכזר אויף א 'גדי'. וועלן זיי לעתיד רובץ זיין אויף איין פלאץ, און נאך בעלי חיים וואס זענען אכזריים איינער מיטן צווייטן וועלן זיין צוזאמען.

פארוואס וועט אזוי זיין? - פירט אויס דער פסוק: **"כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' כַּמַּיִם לַיָּם מְכַסִּים"**, עס וועט זיין אזויפיל דעת און ויסנשאפט פון השגות אינעם אויבערשטן - אזויפיל וויפיל די וואסער פארדעקט דעם ים. עס וועט נתפשט ווערן אזויפיל דעת, אז עס וועט נמשך ווערן רחמנות אפילו אויף אזעלכע בעלי חיים - די ערגסטע אכזריים. זעט מען אז 'דעת' איז 'היפך אכזריות'.

אויך ברענגט דער רבי א פסוק[ח]: **"כַּעַס בְּחֵיק כְּסִילִים יָנוּחַ"**, כעס געפינט זיך ביי כסילים. זעט מען אז 'כעס', 'אכזריות', דאס איז 'היפך הדעת'.

## שתי נוסחאות בתכלית בריאת העולם

על־כל־פנים, לאמיר צוגיין צו וואס דער רבי זאגט אז דער חג השבועות איז א 'שכל גדול וגבוה מאד', און 'חסד עליון ורחמים גדולים'. לכאורה קוקט אויס אז עס איז צוויי זאכן, אבער אינ'אמת'ן איז עס איין זאך, און עס איז א דבר פשוט מאד וואס עס איז כדאי ארומצורעדן.

אין דער יסוד פון דער כוונת הבריאה איז אויך דא צוויי נוסחאות אין קבלה. איין נוסח איז[ט], דער תכלית הבריאה איז געווען 'להיטיב

---

נתבטל הכעס והאכזריות על ידי הדעת. כי כעס ואכזריות הוא מהעדר הדעת, כמו שכתוב (קהלת ז): "כעס בחיק כסילים ינוח". וכל מה שמתרבה הדעת, מתרבה הרחמנות והשלום.

**ז.** ישעי' יא ו'.

**ח.** קהלת ז' ט'.

**ט.** עיין עץ חיים – שער הכללים פרק ראשון.

מטובו יתברך לזולתו'. אזוי ווי דער **רמח"ל** זאגט[י], אז דער אויבערשטער - ער איז דער 'טוב האמיתי'.

עס איז דא א מעשה, עס שטייט אין **זוהר חדש** בראשית, כ'האב עס דערציילט ל"ג בעומר.

עס איז געווען א חתונה וואס דארטן איז געווען רבי שמעון בר יוחאי און רבי יוסי, און רבי חייא רבה איז דעמאלס געווען א אינגל.

איז רבי יוסי צוגעגאנגען צו רבי שמעון'ען און ער האט אים געפרעגט, "למה לא נאמר 'כי טוב' בשני?" - פארוואס ביי דעם צווייטן טאג פון 'מעשה בראשית' שטייט נישט "כי טוב"? האט אים רבי שמעון געזאגט, "נשאל לינוקא"; קינדער לערנען דאך חומש, לאמיר פרעגן א קינד.

האט ער צוגערופן רבי חייא רבה'ן וואס איז דעמאלס געווען א קינד, און ער האט אים געזאגט, "אימא לי ברי" - זאג מיר מיין קינד, "למה לא נאמר 'כי טוב' בשני?" האט ער אים געזאגט, **"כי אין טוב אלא באחד!"** עס איז נישטא קיין אנדערע 'טוב', נאר איין 'טוב' איז דא - 'אלא באחד יחיד ומיוחד'; "שני" איז שוין נישט קיין טוב.

דער רמח"ל איז דאס מסביר, דער אויבערשטער ער איז דער טוב האמיתי, און אז דער אויבערשטער האט געוואלט מהנה זיין זיין טוב צו אנדערע, האט ער געגעבן אמצעיים מוחכמים לעמו ישראל אז מען זאל קענען זיין דבוק אין אים דורך שיעורים וגבולים נפלאים.

יעדער איינער כפי ערכו וכפי די פעולות וואס ער טוט, דורכדעם וועט מען קענען זיין דבוק אינעם אויבערשטן. און אז מען איז דבוק אינעם אויבערשטן, איז מען נהנה פון דעם אמת'ן טוב, וואס איז נישטא קיין אנדערע טוב נאר ה' יתברך.

---

י. בספרו מסילת ישרים פרק א' - בביאור כלל חובת האדם בעולמו; גם עיין ספרו דרך ה' חלק א' פרק ב' - בתכלית הבריאה.

ווייטער איז דא א נוסח אין קבלה[יא], אז די כוונת הבריאה איז געווען 'כדי לגלות מלכותו וגדולתו וכבודו לנבראים'.

למעשה איז דאס איין זאך, און עס איז כדאי דאס ארומצורעדן, וואס דערווייל וועט מען אויך ארומרעדן פון דער גרויסקייט פון דער תורה הקדושה וואס דאס איז שבועות, מקבל זיין דער תורה, בפרט דאס ענין פון לימוד התורה, און אינזין האבן אז די תורה זאל צוברענגען לידי מעשה.

## די טיפע סודות פון דעם אל"ף בי"ת

די חסיד'ישע ספרים געבן א סימן[יב]; "**וּבְיוֹם הַבִּכּוּרִים בְּהַקְרִיבְכֶם מִנְחָה חֲדָשָׁה לַה'**"[יג], עס איז א זמן אז מען זאל זיך באנייען בעבודת ה' יתברך[יד].

עס שטייט אין ישעי' מ"ג[טו]: "**כֹּל הַנִּקְרָא בִשְׁמִי**". ווער איז דאס 'כל הנקרא בשמי'? דאס זענען אידן! אזוי ווי עס שטייט[טז]: "**וְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ עָלֵינוּ קָרָאתָ**".

---

**יא.** עץ חיים שם. [והוא על פי הכתוב (ישעיה מג, ז): "כל הנקרא בשמי ולכבודי בראתי יצרתיו אף עשיתיו", עיין לקמן]

**יב.** עיין אור לשמים פר' אמור ד"ה עד ממחרת השבת וכו'.

**יג.** במדבר כח כו.

**יד.** עיין אוסף אמרים (תורה מאמר ב') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: וזהו יסוד חשוב, למנוע בכל עוז את הרגשת ההתיישנות בלימוד התורה, כי התורה היא נצחית, יקרה וחביבה ואינה מתיישנת, כמאמרם ז"ל: "ובכל יום תהא התורה חביבה עליכם" (תנחומא תבא, א) "ובכל יום יהיו בעיניך כחדשים, כאילו קבלתם היום מהר סיני" (פס"ז ואתחנן ו, ו), כי באמת הם חדשים, כי בתורה הק' נתגלים חידושים נפלאים תמיד, בכל עת ורגע. וצריך ללמוד ברעננות (מיט פרישקייט) ובהתחדשות, וכן לקבל את מלכות התורה בהתחדשות וברעננות.
לכן נתן לנו הקב"ה בכל שנה ושנה חג השבועות חדש, כדי לקבל את התורה מחדש, ולהמשיך התחדשות בתורה לכל השנה, ללמוד בהתחדשות ולהמליך עלינו את הקב"ה תמיד ע"י דיבורי התורה הקדושים, כפי שהבאנו לעיל, שהתורה היא כולה שמותיו של הקב"ה, ואלקותו ית' גנוזה בתורתו הקדושה.

**טו.** פסוק ז'.

"**וְלִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו יְצַרְתִּיו אַף עֲשִׂיתִיו**"; דער אויבערשטער האט באשאפן כלל ישראל אז מען זאל וויסן פון דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, און אז מען זאל מפרסם זיין דעם כבוד פון ה' יתברך.

אין **זוהר** אחרי דף ע"ג ווי ער רעדט ארום די גרויסקייט פון אידן וואס זענען גע'מל'עט מיט א ברית עולם צום אויבערשטן, זאגט ער דארט: "**תא חזי**" - קום זעה, "**מִלה קדמאה דאורייתא דיהבין לינוקא**" - די ערשטע זאך פון דער תורה וואס מען גיט דאס איבער קינדער, איז דער 'אל"ף בי"ת', וואס די זאך - זאגט ער - ווער קען עס משיג זיין? ווער קען משיג זיין דעם אל"ף בי"ת?!

דער זוהר זאגט, "**אפילו מלאכי עילאי**" - גאר הויכע מלאכים, "**ועילאי דעילאי**" - און נאך העכערע מלאכים, קענען נישט משיג זיין דעם סוד פון דעם אל"ף בי"ת! עס איז דארטן דא אזעלכע גילויים, אזעלכע שיינקייטן פון דעם אויבערשטן, וואס מלאכים האבן נישט דעם זכות דאס צו משיג זיין! און דאס איז די ערשטע זאך וואס מען לערנט מיט אידישע קינדערלאך...

עס שטייט אין **זוהר הקדוש** כמה פעמים: "**אורייתא שְׁמָא דקודשא בריך הוא**" - די תורה איז נעמען פון ה' יתברך! "**מאן דאחיד באורייתא**" - דער וואס האלט זיך אין דער תורה, "**אחיד בקודשא בריך הוא**" - האלט זיך אין אויבערשטן! די תורה איז פול מיט שמות, פול מיט גילויים פון אויבערשטן, און ווער עס איז דבוק אין דער תורה, איז דבוק אין אויבערשטן.

פון דאנעט זעט מען ווי ווייט מען דארף עוסק זיין אין דער תורה 'יומם ולילה' און בטל ווערן צו דעם דעת פון דער תורה הקדושה, ווייל מיט דעם איז מען דבוק צו ה' יתברך ממש![יז] - אזוי שטייט אין זוהר אסאך מאל.

---

**טז.** סדר התפילה ליו"ט.

**יז.** עיין ספר 'דורשי יחודך' (יסודי היהדות ח"א מאמר ה') וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: רש"י זאגט טאקע אויף דער גמרא אין בבא בתרא ט"ז (ע"א), אז מען דארף אזויפיל לערנען אז

אזוי האבן מיר דאס אויך מקובל פון די ראשונים - דער **רמב"ן**[יח] - אז "כל התורה כולה שמותיו של ה' יתברך". דער **של"ה הקדוש** זאגט[יט], דאס גייט ארויף סיי אויף 'תורה שבכתב' און סיי אויף 'תורה שבעל פה'. ווייל די מקבלי התורה האמיתיים זענען געווען 'שכינה מדברת מתוך גרונם', אז זיי האבן גערעדט - האט די שכינה גערעדט, ממילא ליגט אין דעם שמות מיט גילויים נפלאים[כ].

## געפרעגט דעם אויבערשטן פשט אין זוהר

עס איז דא א מעשה, כ'האב עס דערציילט ל"ג בעומר. דער **בעל-שם** האט נישט געוואלט אראפגיין אויף דער וועלט סיידן אז

---

עס זאל נישט זיין פלאץ אויף קיין הרהור רע. און א מענטש איז מחויב צו זיצן און לערנען! פיר און צוואנציג שעה א מעת לעת דארף א מענטש לערנען. אז ער טוהט א זאך, איז עס אַן 'עראי' וואס ער דארף טאקע טוהן, אבער אז ער ענדיגט דארף ער גלייך צוריקגיין צום ספר.

דאס איז 'פשוטו כמשמעו', **פיר און צוואנציג שעה דארף א מענטש לערנען בכל עת ורגע**, ער איז מחוייב בכל עת ורגע. מען מאכט נישט קיין ברכות התורה אויף יעדעס מאל וואס מען לערנט תורה, ווייל עס איז נישטא קיין הפסק מצד הדין. מצד הדין איז נישטא קיין הפסק, מען דארף האלטן אין איין לערנען. יעדער זאך וואס מען טוהט דארף מען טוהן בדרך עראי, און דעמאלט האט מען א געוואלדיגע הצלחה.

- א געוואלדיגע הצלחה!

- די תורה איז הצלחה בגשמיות! דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המידות (ערך "לימוד" חלק שני, אות ב'): **"התורה והמעשר והשבת נותנין חיים גשמיים גם כן!"** און אז מען האט דאס, דאס איז די בעסטע עצה!.

**יח.** עיין רמב"ן עה"ת על בראשית א' א', ד"ה "עוד יש בידינו קבלה של אמת" וכו'.

**יט.** עיין של"ה הק' תולדות אדם - בית החכמה קמ"א, אות פ"ה.

**כ.** עיין ליקוטי הלכות הל' שותפים בקרקע ה"ד אות א': **וידוע, שבכל דיבור ודיבור של כל בעלי התלמוד יש בהם רזין עלאין וכל שכן בזוהר הקדוש. דהא מארי מתניתין כל תלמודא דילהון על רזין עלאין סדרו להון. ובפרט בלשון המשניות בעצמן שחיבר רבינו הקדוש ברוח הקודש גבוה ונורא מאד, כי הם עצם התורה שבעל פה אשר ארוכה מארץ מידה וכו'.** וכל מעיין יראה בעיניו ברוב המשניות שהלשון אינו מיושב כלל בשלימות על פי פשוטו, אפילו לאחר כל התירוצים שמיַשבין בעלי הש"ס, כי האם היה מהנמנע לרבינו הקדוש לחבר המשניות בלשון ברור וקל שלא נצטרך לתרץ ולשבר ולחסר ולהוסיף ולהפך

מען וועט אים געבן 'שישים גיבורים' וואס זאלן אכטונג געבן אויף אים פון די גרויסע קטרוגים וואס דער בעל-דבר לאזט נישט צו די סארטן התעוררות אריינצוברענגען אין כלל ישראל[כא]. למעשה זענען רובם ככולם געווען מתנגדים אויפן בעל־שם, נאר אז עס איז געקומען די צייט האט דער אויבערשטער זיי צוגעשיקט צום בעל־שם.

איז געווען איינע פון די שישים גיבורים וואס האט געדארפט מקורב ווערן צום בעל-שם, און ער איז געווען א גרויסער מתנגד. אמאל האט ער זיך גע'חלומ'ט אז ער איז אין עולם העליון, און ער זעט ווי דער בעל־שם־טוב מיטן אר"י הקדוש זיצן און לערנען זוהר, [ער האט געדענקט דעם זוהר וואס זיי האבן געלערנט].

איז דער אר"י הקדוש האט געזאגט פשט אין זוהר, און דער בעל־שם האט געזאגט אַן אנדערן פשט. האבן זיי זיך מתווכח געווען ווי איז דער פשט אין זוהר, דער אר"י הקדוש האט געזאגט אז דאס איז פשט אין זוהר, און דער בעל־שם האט געזאגט אז דאס איז פשט אין זוהר. האט מען אפגעשטימט אז מען וועט פרעגן רבי שמעון בר יוחאי'ן. האט מען אנגעפרעגט רבי שמעון בר יוחאי'ן. האט רבי שמעון געזאגט אז פשט איז אזוי ווי דער אר"י הקדוש.

האט דער בעל־שם־טוב אים געזאגט: "רבי שמעון, ביי אייך איז דאך געווען 'שכינה מדברת מתוך גרונכם', איר האט דאך דאס געזאגט ברוח הקודש פון דעם אויבערשטן, דארף מען פרעגן דעם אויבערשטן פשט. איז דער אויבערשטער האט געזאגט פשט אין זוהר אזוי ווי דעם בעל־שם־טוב.

---

בדבריו הקדושים?! אך בודאי דברים בגו, כי כפלים לתושיה ולא היה אפשר לבאר ולהמשיך בזה העולם כל דיני ומשפטי התורה הקדושים כי אם בענין זה דייקא שבו מרומז כל חלוקי הדינים למעשה ובו נעלם ונסתר כל שרשי הדינים וטעמם על פי סוד הנסתר והנעלם.

**כא.** עיין נתיב מצוותיך – נתיב התורה שביל הראשון.

אזוי איז דאך דער תלמיד, דער איד, געווען אזא מתנגד אז ער איז אפילו נישט צוגעגאנגען 'תוהה זיין על קנקנו' פון דעם בעל־שם. אבער אז ער האט געזען אזא סיפור, האט ער געטראכט 'ווי גייט מען צו צום בעל-שם?', איז אים איינגעפאלן, שלש סעודות איז ער מרבה בתורה און עס איז טונקל, דעמאלס קען ער אריינגיין אביסל נאנט זען וואס ער רעדט. האט ער מצליח געווען און ער איז טאקע צוגעקומען ממש ביזן בעל־שם.

האט דער בעל־שם דעמאלס איבערגעזאגט דעם זוהר, און ער האט איבערגעזאגט דעם פשט אין זוהר, און ער האט אויסגעדרייט דעם קאפ צו אים און אים געזאגט: **"דו ווייסט דאך עס שוין!"**...

דא איז ער געווארן פון די 'תלמידים ותיקים' פון דעם בעל־שם־טוב[כב].

אזוי איז די גאנצע תורה הקדושה ניתנה מסיני; דאס האט אלץ דער אויבערשטער איבערגעגעבן משה רבינו'ן.

## זיך פארקויפט אינאיינעם מיט דער תורה

אין **מדרש** שמות פרשה ל"ג[כג] שטייט א מורא'דיגע זאך: **"יש מקח שמי שמכור - נמכר עמו?!"** - איז דען דא אזא מקח אז איך פארקויף א מענטשן א זאך, פארקויף איך זיך מיט דער זאך? איז דען דא אזא זאך? **"אמר הקדוש־ברוך־הוא לישראל, מכרתי לכם תורתי, כביכול נמכרתי עמו"**. איז פשט, אז מען איז עוסק בתורה, איז מען רוכש דעם אויבערשטן אליין כביכול.

דורך דער תורה הקדושה וועלן אידן משיג זיין השגות נפלאות ונוראות פון ה' יתברך, וואס דאס איז מרומז אין די שֵׁמות פון דער

**כב.** סיפור זו מובא בקונטרס מאירת עינים הנדפס בהקדמת ספר בעש"ט עה"ת אות ט"ו, בשם ספר 'צרור החיים'.

**כג.** פס' א'.

תורה הקדושה, און דורכדעם וועלן אידן זיין דבוק צום אויבערשטן בנועם עליון, וואס עס איז נישטא קיין דוגמא פון א צווייטע מציאות[כד].

עס שטייט אין ישעי נ"א א פסוק[כה]: "**כִּי תוֹרָה מֵאִתִּי תֵצֵא**". שטייט דערויף אין מדרש[כו]: "אמר רב אבין בר כהנא, אמר הקב"ה, תורה **חדשה** מאתי תצא".

פרעגט דער **בעל־שם־טוב**, ווי קען דאס זיין, 'זאת התורה לא תהא מוחלפת'? די תורה איז דאך נצחי לעולמי עד ולנצח נצחים, ווי קען דאס זיין אז עס זאל זיין 'תורה חדשה מאתי תצא'? זאגט דער בעל־שם[כז], לעתיד וועט מען זען ווי די גאנצע תורה הקדושה רעדט 'מאתי' - עס רעדט פון בורא עולם!

ווען מען וועט לערנען דער תורה - אט די זעלבע תורה וואס מיר האבן היינט - וועט די תורה אונז לערנען גילויים נפלאים פון דער גרויסקייט און שיינקייט פון ה' יתברך!

---

**כד.** עיין ליקוטי הלכות הל' ראשית הגז ה"ג אות י"ט: לעתיד שאז ישיגו כל הלכות התורה בתכלית הבירור לאמיתתן וגם יבינו אז כל פנימיות סודות של כל ההלכה והלכה איך לדבק את עצמו וליכלל בו יתברך **על ידי כל דין ודין של כל הלכה והלכה**, בבחינת כל השונה הלכות בכל יום מובטח לו שהוא בן העולם הבא. כי **כפי היגיעה שהיה לו בעולם הזה ללמוד ולשנות הלכות כן יזכה לעולם הבא שהוא השגת דעת פנימיות וסודות ההלכות שזה עיקר בחינת עונג שבת שהוא תענוג ושעשוע עולם הבא.**

**כה.** פסוק ד.

**כו.** ויקרא רבא יג ג.

**כז.** נדפס בכתר שם טוב דף ז' ע"ד, וזל"ש: וזהו שאמרו (במדרש ויקרא רבתי פי"ג סי' ז"ן) לעתיד לבא 'תורה חדשה מאתי תצא'. וקשה הא לא יחליף האל ולא ימיר דתו? אלא שיפרש הסודות שבה, ושדיבר הכל מן שמות הש"י ומבנין עולמות העליונים; גם מובא שם בח"ב דף כ"ד ע"א, וז"ל: לפי שעתה נתלבשה התורה בסיפורי מעשיות כגון דלבן ובלעם, ולעתיד לבא יפרש איך דיבר הכל מאתו ית"ש, ומבנין עולמות העליונים והתחתונים, וזהו שאמר 'תורה חדשה מאתי תצא', היינו שאפרש לכם הפירוש איך הכל מדבר מאתי.

## גם סדר משניות ניתנה למשה מסיני

אפילו די השתלשלות התורה (שבעל פה) פון נאך משה'ן (קיבל משה מסיני), אזוי ווי חז"ל זאגן[כח]: **"תנו רבנן, כיצד 'סדר משנה'** (פירש"י: כיצד למדו ישראל "תורה שבעל-פה")**? משה למד מפי הגבורה, נכנס אהרן ושנה לו פרקו, נסתלק אהרן וישב לשמאל משה, נכנסו בניו ושנה להם"**. נאכדעם, **"נכנסו זקנים"**. נאכדעם, **"נכנסו כל העם"**. ביז די גמרא פירט אויס, יעדער איינער האט געהערט לכל הפחות פיר מאל. דאס איז געווען געווען געווען נענוג פאר יענע מוחות סיי צו פארשטיין ווי עס דארף צו זיין, און סיי צו געדענקען און עוסק זיין אין דעם.

עס ווערט געבראכט[כט], יעדער איינער פון דעם דור המדבר איז געווען אזוי גרויס אזוי ווי טויזנט מענטשן! - אזעלכע מוחות האבן זיי געהאט.

אזוי אויך האט משה רבינו מקבל געווען ווי מען וועט לערנען בזמן התנאים ובזמן אמוראים - פארדעם און נאכדעם. די גמרא איז מפליג[ל], בזמן רבי יהודא בן בתירא האט מען געלערנט זעקס צו זיבן הונדערט סדרי משנה; אט דאס אלץ איז געווען 'ניתנה למשה מסיני'.

אין **מדרש** ויקרא רבה[לא] שטייט אויפן פסוק[לב]: **"וַיִּתֵּן ה' אֵלַי אֶת שְׁנֵי לוּחֹת הָאֲבָנִים כְּתֻבִים בְּאֶצְבַּע אֱלֹקִים וַעֲלֵיהֶם כְּכָל הַדְּבָרִים"** [און ער ברענגט דארט נאך א פסוק]; **"אמר רבי יהושע בן לוי, משה רבינו קיבל מקרא ומשנה, הלכות ותלמוד, תוספתות ואגדות, ואפילו מה שתלמיד ותיק עתיד לומר בפני רבו - כולם נאמרו למשה מסיני"**.

---

**כח.** עירובין נד ע"ב.

**כט.** עיין עשרה מאמרות (להרמ"ע מפאנו), מאמר 'חקור דין' חלק ב' פרק ל"ב.

**ל.** חגיגה דף י"ד ע"א.

**לא.** פר' כ"ב פס' א'.

**לב.** דברים ט י.

**שנאמר**[לג]: '**יֵשׁ דָּבָר שֶׁיֹּאמַר רְאֵה זֶה חָדָשׁ**'" - אז איינער וועט זאגן דעם אנדערן א גוטן ריכטיגן חידוש אין דער תורה, "**חבירו משיבו**" - וועט אים דער חבר ענטפערן, "**כְּבָר הָיָה לְעֹלָמִים אֲשֶׁר הָיָה מִלְּפָנֵנוּ**" - דאס איז נאך מקובל פון משה מסיני.

דער **רמב"ם** ברענגט אראפ אין דער הקדמה צום "ספר-היד" פערציג מקבלי התורה איש מפי איש, מוסמכים עד משה רבינו - פון משה רבינו ביז רב אשי. רב אשי איז געווען דער פערציגסטער מקבל התורה וואס ער האט מסדר געווען דעם ש"ס.

דער **מאירי** אין "בית הבחירה" זאגט[לד], די גאונים האבן אזוי גוט געוואוסט און פארשטאנען פשט אין יעדן סוגיא פון ש"ס, און ווי עס איז אויסגעשטעלט, דא ברענגט ער א ברייתא, דא ברענגט ער א מימרא, זיי האבן אזוי גוט געוואוסט דער כוונה שבדבר, אז עס איז ביי זיי געווען אזוי קלאר און געשמאק צו לערנען.

אז מען האט געשיקט יונגע קינדער אין ישיבות, זענען זיי נישט אהיימגעקומען ביז זיי זענען געווען קלאר אין ש"ס בעל־פה אויף אויסעוויייניג מיט אזא קלארן לשון - 'שלא היו לשונם נפגם כפגימת הסכין'! - מיט אזא מין בקיאות.

ער זאגט, דאס האבן זיי מקבל געווען פון די רבנן סבוראי, און די רבנן סבוראי האבן דאס מקבל געווען פון די אמוראים.

דאכט זיך, עס איז געווען א ישיבה וואס אכציג יאר נאכדעם וואס עס איז שוין געווען געשריבן דער ש"ס, האבן זיי נישט געוואלט מסכים זיין צו לערנען ש"ס בכתב נאר בעל־פה, אזוי ווי מען האט געלערנט ביז ערשט - אזעלכע מוחות האבן זיי געהאט.

ער זאגט, ווען עס וואלט געקומען דעמאלס בזמן הגאונים איינער אזוי ווי רש"י און ער וואלט געמאכט א פירוש אויף דער גמרא,

---

**לג.** קהלת א י.

**לד.** בפתיחה על מס' אבות.

וואלט עס געווען אזוי ווי איינער זאל קומען היינט אין איבערטייטשן ש"ס ווארט ביי ווארט אויף טייטש... פשוט אזוי ממש וואלט עס נישט געווען קיין חידוש.

ביז עס איז געקומען א נייער דור, א הייליגער דור, וואס מען האט נישט געקענט לערנען קיין ש"ס אָן קיין פירוש, איז 'שרתה שכינה' אויף רש"י הקדוש - און ער האט געמאכט דעם פירוש אויף גאנץ ש"ס.

און דאס אלץ האט מען געוויזן משה'ן מסיני.

## אַראָפּ מיליאַרדן מדריגות ביז צו קליינע קינדער...

די תורה הקדושה קומט דאך פון עצם חכמתו יתברך שמו - און עס איז נשתלשל געווארן מליאַרדן מדריגות ביז עס איז געקומען צו אונז אביסל נאנט צו אונזער שכל - אז מיר זאלן קענען עוסק זיין אין דעם![לה] און דארטן איז ווייטער מלובש עצם חכמתו יתברך אין די כ"ב אותיות התורה בערכנו, צעטיילט מיט ווערטער מיט פסוקים מיט פרשיות, אז קליינע קינדער קענען לערנען אזא הייליגע תורה[לו].

---

**לה.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל' אות ג'; שם סי' ל"ג אות ג'; גם עיין ליקוטי הלכות הל' תחומין ה"ב אות א', וזל"ש: ב' אלפים שנה שקדמה התורה לעולם, היינו בחינת ב' אלפים מדריגות שנשתלשלה התורה עד שנתפשטה בזה העולם, כי כל שנה היא בחינת קומה, נמצא שנשתלשלה התורה בחינת ב' אלפים קומות עד שנתלבשה בזה העולם.

**לו.** עיין ליקוטי הלכות הל' נשיאת כפיים ה"ה אות ו': התורה היא אחדותו יתברך, וה' יתברך מרומם ומנושא מכל הרוחניות. **ועל כן הוא דבר פלא מאד שתוכל התורה להתלבש באותיות עד שיצטיירו ויכתבו על הספר או על הלוחות. רק ה' יתברך מאהבת ישראל צמצם את אור התורה בכמה וכמה צמצומים עד שנתצמצמה התורה באותיות עד שנכתבו על הלוחות.** וזה בחינת (שמות לב) והלוחות מעשה אלקים המה והמכתב מכתב אלקים הוא וכו', היינו שהלוחות שהיה להם כח להצטייר בהם אותיות התורה זה מעשה ה', כי הם מעשיו ונפלאותיו בחינת מעשה אלקים המה. וזהו, והמכתב, שנכתבו אותיות התורה על הלוחות. מכתב אלקים הוא, כי הם מעשה ה' ונפלאותיו העצומים שיוכלו אותיות התורה להצטייר ולהיכתב על הלוחות, **כי אותיות התורה בשרשם הם אורות נשגבים ועצומים מאד שאין כל העולמות יכולים לסבול אורם, מכל שכן עולם הזה הגשמי**, אך בנפלאותיו העצומים נתצמצמו

מען קען אפטייטשן קליינע קינדער אויף עברי-טייטש: "בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ"[לז]; מען קען אפטייטשן קינדער אויף עברי-טייטש וואס הייסט דאס "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת"[לח]; עס איז אראפגעגאנגען מליאַרדן מדריגות ביז עס איז געקומען אז קינדער קענען עס לערנען[לט].

אט די מתנה האט דער אויבערשטער געגעבן 'זרע ישראל אשר בחר'; די תורה איז 'שמותיו של הקדוש ברוך הוא'; מיט דעם איז מען דבוק צום אויבערשטן.

"שם" איז דער טייטש 'גילוי', 'פרסום', אזוי ווי עס שטייט[מ]: "**וַיַּעַשׂ דָּוִד שֵׁם**", ער איז געווארן מפורסם לשבח. יעדער שֵׁם איז מגלה גילויים נפלאים אין אויבערשטן, וואס איז זיו השכינה, וואס מיט דעם קען מען זיין דבוק אין אויבערשטן 'לעולם ועד'.

---

כל כך עד שנכתבו על הלוחות וכנ"ל. **וכל זה כדי שיוכלו ישראל לקבל את אור התורה כדי שידעו לעשות רצונו ולהתדבק בו יתברך.**

**לז.** בראשית א א.

**לח.** שמות לה ג.

**לט.** עיין לדוגמא מה שהתבטא רביז"ל בהפלגת נפלאות תורתו כמובא בחיי מוהר"ן אות ש"ס, וזל"ש: אמר, איני אומר לכם מתורתי כי אם הפסולת, **והיא נמוכה אלפי אלפים ורובי רבבות מדריגות מכפי מה שאני משיגה, ואיני יכול לומר נמוך יותר.** וכבר נרשם מזה במקום אחר; גם עיין שם אות שס"א: שמעתי בשמו שאמר כבר, שיש לו תורות בלי לבושים. פירוש, שאינו יכול להלביש אותה בשום לבוש. ואמר קרא אסמכתא בעלמא הוא, שסומך התורה על המקרא כמו שסומכין על איזה דבר וכו' כן התורה שלו גבוה מאד, עד שאינה יכולה להתלבש כי אם דרך אסמכתא בעלמא, והבן. ואמר, שמה שמתיגע כל כך קודם התורה הוא מחמת **שקשה לו מאד להוריד השגות התורה שלו בלבושים ודיבורים שיוכל לאמרה ולגלותה**, על כן צריך יגיעות גדולות לזה; גם עיין שם אות תר"ז מה שהתבטא המגיד מטירהאוויצע אחרי שנתקרב לרביז"ל ושמע ממנו לראשונה תורתו הגבוה, ואמר אז בזה"ל: **ובשעה שאמר לפני התורה הזאת ראיתי להבות אש יוצאין מפיו הקדוש, ונדמה לי שאי אפשר בשום אופן להעלות זאת על הכתב, ולמחר בבקר בא האברך רבי נתן והביא המאמר הזה כתוב על הנייר ובדיו.**

**מ.** שמואל ב, ח יג.

יעדער איינער, כל אחד ואחד מישראל, קען זיך האלטן און זיין דבוק אין דער תורה, בסוד 'יעקב חבל נחלתו'.

דער **בעל־שם־טוב** זאגט[מא], א חבל וואס ציהט זיך פון אין־סוף - אפילו ווי ווייט עס קומט - אויב ער האלט עס אָן ביים סוף, איז ער דבוק צו אין־סוף! 'האוחז במקצת' איז 'אוחז בכולו'!

**'וּמִמִּדְבָּר מַתָּנָה'**

עס איז דא א **גמרא**[מב], איין אמורא האט געפרעגט דעם צווייטן דעם דרש אויף דעם פסוק[מג]: "**וּמִמִּדְבָּר מַתָּנָה וּמִמַּתָּנָה נַחֲלִיאֵל וּמִנַּחֲלִיאֵל בָּמוֹת וּמִבָּמוֹת הַגַּיְא**". "**אמר ליה, אם משים אדם את עצמו כַּמִּדְבָּר הזה שהכל דשין בו**", דאס הייסט, אז א מענטש איז אַן עניו, איז "**תורה ניתנה לו במתנה**" - גיט אים דער אויבערשטער דער תורה במתנה - אזא סייעתא דשמיא האט ער אין לערנען. [אזוי ווי די **גמרא** זאגט[מד], די תורה איז 'דומה למים', אזוי ווי מים לאזט זיך אראפ פון א מקום גבוה און גייט צו א מקום נמוך, אזוי איז די תורה שורה ביי די ענוים]. "**וכיון שניטלה במתנה**" - אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן במתנה דער תורה, "**נחלו אל**" - האט ער גע'ירש'נט דעם אויבערשטן, "**שנאמר: 'וממתנה נחליאל'". וכיון שנחלו אל**" - אז ער האט גע'ירש'נט דעם אויבערשטן, "**עולה לגדולה**" - ווערט ער גרויס, 'מזל מַחכים', ["**שנאמר, 'ומנחליאל במות'**"].

---

**מא.** עיין תולדות יעקב יוסף פר' בהעלותך: וכמו שהיורד לבור קושר את עצמו תחילה בחבל כדי שיאחז בו לעלות מהבור, כך שורש ישראל הם יעקב חבל נחלתו, לאחוז בו בחבל זה הקשור בו יתברך ולעלות בו, וזהו סוד דעייל ונפיק. גם עיין זרע קודש פר' ויגש ד"ה "ויסע ישראל".

**מב.** עירובין דף נד ע"א.

**מג.** במדבר כא, יח-יט.

**מד.** תענית דף ז' ע"א.

אז א מענטש באקומט א הייליגן מח, ווערט ער גרויס; אט דאס איז די גרויסקייט פון א מענטשן, וואס מער מען איז משיג דעם אויבערשטן ווערט מען גרעסער.

אויך זאגט די גמרא דארטן: [**"ואם מגיס לבו, הקב"ה משפילו, שנאמר, 'ומבמות הגיא'. ואם חוזר בו, הקב"ה מגביהו, שנאמר**[מה], **'כָּל גֶּיא יִנָּשֵׂא'"**]. דאס הייסט, 'אפילו הגיס דעתו' קען ער תשובה טון.

## נישט געלונגען אים מסמיך צו זיין

די גאנצע השתלשלות התורה האט דער אויבערשטער רושם געווען בספרו של אדם הראשון. אזוי ווי די **גמרא** זאגט[מו], "שמואל ירחינאה" איז געווען אסייה (- רופא) דרבינו הקדוש, [דאס איז "שמואל" פון 'רב-ושמואל' וואס מען לערנט. מען האט אים גערופן "שמואל ירחינאה", ווייל ער איז געווען א "תוכן" (- בקי בחכמת התכונה), ער האט געהאט א געוואלדיגע בקיאות אין די דינים פון עיבור חודש ויָרֵחַ[מז]].

האט אים רבינו הקדוש זייער שטארק געוואלט מסמיך זיין, ער איז געווען ראוי לסמיכה, ער איז געווען זייער גרויס. אבער עס איז נישט געגאנגען. ווייל צו מסמיך זיין האט מען געדארפט אז עס זאל זיין בכבוד פון גרויסע תלמידי חכמים, עס דארף דאך גיין א סמיכה וואס מען איז מסמיך אז ער ווערט מוסמך למשה מסיני. איז אלץ ווען רבינו הקדוש האט זיך געריכט אים מסמיך צו זיין, איז דאס אים נישט געגאנגען.

---

**מה.** ירמי' מ, ד.

**מו.** ב"מ דף פה ע"ב

**מז.** עיין פירש"י שם: שמואל ירחינאה - הוא שמואל בר אבא חבירו של רב, ועל שהיה בקי בסוד העיבור, כדאמרינן במסכת ראש השנה (כ, ב) אמר שמואל יכילנא לתקוני כולה גלותא, קרי ליה ירחינאה.

האט אים שמואל געזאגט ער זאל זיך נישט מצטער זיין, ווייל ער האט געזען דעם "**סיפרא** (- הספר) **דאדם הראשון**"[מח], און דארט שטייט אז "**שמואל ירחינאה - חכם איתקרי**" - די גאנצע וועלט וועט אים רופן "חכם", ווייל ער איז דאך געווען א גרויסער תוכן, אבער "**רבי לא איתקרי**" - עס וועט נישט ווערן די זאך אז ער זאל ווערן מוסמך אז ער זאל קענען גערופן ווערן "רבי" - דאס וועט ער נישט אויספירן - אט דאס איז שוין געווען באשריבן ביי אדם הראשון'ען.

ווייטער האט ער געזען שטיין דארטן באשריבן, אז דער דאקטער פון רבינו הקדוש וועט זיין 'שמואל ירחינאה'. און ווייטער איז געווען פארשריבן, אז "**רבי ורבי נתן - סוף המשנה**" - זיי וועלן מסדר זיין דער משנה וואס זאל אריינגיין אין כלל ישראל וואס אין דעם זאל מען עוסק זיין עד עולם[מט].

## עס הייסט נישט "געוואוסט"

עס איז דא א **מדרש**[נ]: "**אין דעת אלא הכרת הבורא**" - עס איז נישטא קיין אנדערן דעת! - און אט דאס איז מען זוכה נאר דורך דער תורה הקדושה.

עס איז דא א מעשה[נא]; דער **קאצקער** ע"ה איז אמאל אריינגעגאנגען אין בית המדרש, זענען געזעצן פונקט דריי גרויסע

**מח.** שהראהו הקב"ה דור דור וסופריו, דור דור ודורשיו, דור דור וחכמיו. רש"י.

**מט.** סוף המשנה - סוף תנאים, עד ימיהן אמרו איש את דבריו בבית המדרש, והיו תלמידים גורסים שמועה שמועה לבדה, ולא היו מסכתות סדורות, וסדר וקבץ על הסדר, והם כללו האמור בדורות שלפניהם וסדרו את המסכתות, ואחריהם לא יוסיפו אלא מעט. רש"י.

**נ.** במדבר רבה י, א.

**נא.** עיין ספר 'מגדולי התורה והחסידות' (עמוד לא) וז"ל: ומספר רבי העניך (רבי חנוך העניך הכהן לוין מאלכסנדר ז"ל): פעם היותי בקאצק ועמדתי בבית המדרש הגדול בחבורה עם החידושי הרי"ם עם הרשלי דישקס ועם ר' הירש בר גרבוביצר, ודברנו דברי תורה וחסידות, פתאום שמענו קולו של הרבי שואל את משמשו; פייבל, מי נמצא כאן? ופייבל משיב ומונה

תלמידים. האט ער געזאגט אז יעדער איינער פון זיי זאל זאגן א גוט ווארט.

האט זיך איינער אנגערופן: **"וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל הָאָרֶץ מִתָּחַת - אֵין עוֹד"**[נב] - עס איז נישטא קיין אנדערע ידיעה!

דער "אין עוד" גייט אויף דעם "וידעתָּ" - עס איז נישטא קיין אנדערע ידיעה![נג].

אט די ידיעה, דאס איז ידיעת התורה, און עס ליגט אין דער תורה, וואס דורכדעם איז מען נהנה מזיו השכינה[נד].

---

לפניו את שמות ארבעתנו. נכנס הרבי, נגש אלינו ואמר שרוצה שכל אחד מאתנו יאמר דבר תורה.

פתח החידושי הרי"ם ואמר וכו', אחריו פתח ואמר ר' הרשלי דישקס: כתוב **"וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים וגו' אין עוד"** (דברים ט, לט) כפשוטו הוא שאין עוד אל אחר. ואני אומר כי "אין עוד" נאמר גם על "וידעת היום והשבות אל לבבך" כי אין עוד שום ידיעה אחרת חוץ מידיעה זו.

**נב.** דברים ד לט.

**נג.** עיין אמת ואמונה (קאצק) עמוד ע"ה: **"וידעת היום וגו' אין עוד"**. הפי' שאין בכל מציאות העולם שום מציאות בלתי מציאותו יתברך לבד, **וכל מה שאדם רואה בעיניו הגשמיות אינה מציאות כלל**, כי רק מה שרואה בעיניו השכליות זוהי מציאות, ע"כ. גם עיין ליקוטי הלכות הל' מתנה ה"ב אות ב': כי באמת עיקר התכלית שצריכים לידע כי אין עוד מלבדו – **"אין עוד"** ממש, דהיינו שאין שום דבר נמצא בעולם כלל רק הוא יתברך לבדו, כי ה' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד - 'אין עוד' ממש, **כי אין שום דבר נמצא בעולם כלל כלל לא - רק הוא לבדו יתברך**, כי הכל הבל. וכולא כלא קמיה - כלא ממש. **וכן ראיתי בשל"ה** (עיי"ש תולדות אדם, בית הבחירה, אות רצ"ו) שפירש כן הפסוק הנ"ל 'וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד', ולפי פשוטו הכוונה שאין עוד אלקים זולתו יתברך, **אבל הוא ז"ל פירש** שהכוונה שצריך לדעת ולהשיב אל לבו שרק ה' הוא האלקים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת, **ואין עוד שום נברא ושום נמצא כלל**, כי הכל אַין ואפס ממש והכל בטל במציאות ממש נגדו יתברך. והן למעלה והן למטה בשמים ממעל ועל הארץ מתחת הכל הבל ואפס ממש רק ה' הוא האלקים, ואין עוד שום דבר כלל, ודבר זה אי אפשר להסביר רק כל חד לפום מה דמשער בלביה.

**נד.** עיין ליקוטי הלכות הל' גיטין ה"ג אות ט"ו: כל הבריאה כולה שנברא בשביל ישראל בשביל שיקיימו התורה, הכל היה בשביל שנזכה להכיר אותו יתברך, כמו שאיתא בזוהר

## על ידי התורה נשלם כוונות הבריאה בשני אופנים

היוצא מכל הדברים; דאס וואס דער רבי זאגט אז שבועות איז א 'שכל גדול וגבוה מאד', דאס איז די זעלבע זאך וואס די מקובלים זאגן אז די בריאה איז געווען 'כדי לגלות כבודו', ווייל די תורה הקדושה איז 'לגלות כבודו'[נה].

און דאס איז וואס דער רבי זאגט אז שבועות איז 'חסד עליון ורחמים גדולים' (- כי זה נגד טעם הב' שכתבו המקובלים שתכלית הבריאה היה 'כדי לגלות טובו'). פארוואס? ווייל דורך דער תורה זענען אידן דבוק אינעם אויבערשטן וואס מיט דעם איז דער אויבערשטער 'מטיב מטובו לעמו ונחלתו'[נו].

---

"בגין דישתמודעין ליה", כי זה עיקר התכלית של כל התכליתין, **ואי אפשר לידע ממנו יתברך כי אם על ידי התורה**, שהיא בחינת עצה, בחינת תרי"ג עטין דאורייתא, כי כל התרי"ג מצוות וענפיהם ופרטיהם, וכל המצוות דרבנן וכל הדקדוקים והמנהגים הקדושים של ישראל בכלל ובפרט, הכל הוא בחינת עצות לזכות לדעת ולהכיר אתו יתברך, **שזהו כל שכר עולם הבא**, כמו שכתוב, "כי תמלא הארץ דעה לדעת את ה'" וכו'".

**נה.** ענין זה שע"י חכמת התורה נתגלה כבודו ית', מבואר בליקוטי מוהר"ן סי' ל"ז אות ה', וזל"ש: **שורש התורה היא כבוד ה' יתברך**, כמו שכתוב: **"לכבודי בראתיו"** וכו', וכמו שאחז"ל (אבות, פ"ו): **'אין כבוד אלא תורה'**; גם מבואר זה שם בסי' ע"ד, זל"ש: **שורש כולם הוא חכמת התורה**, כי באורייתא קודשא בריך הוא ברא עלמין. והתורה נקראת חכמה, כמו שכתוב (משלי ח): "אני חכמה" וכו'. וכשזוכה הנפש לחכמת התורה, זהו בחינת חידוש העולם. כי חידוש כל העולמות היה על ידי חכמה, שהוא התורה כנ"ל. ואזי **כשזוכה לחכמה, אזי נתגלה כבודו יתברך, שזהו עיקר התכלית של כל עבודות האדם.** כי תכלית כל העבודות שצריך האדם לעבוד את הבורא יתברך, הוא רק כדי שיתגלה כבודו. [כמו שכתוב (ישעיה מ"ג): "לכבודי בראתיו" וכו']. **והכבוד נתגלה על ידי החכמה**, וכו' עיי"ש בפנים.

**נו.** עיין ליקוטי הלכות הל' קרי"ש ה"ג אות ד': וזה בחינת **רמ"ח** תיבין שבקריאת שמע. **כי זה עיקר הרחמנות, לזכות לדעת מאלקותו יתברך.** וזה בחינת **רמ"ח** מצוות עשה שבתורה כדי להשיג ולדעת על ידם את הבורא יתברך שמו. ועל כן **רח"ם** אותיות **רמ"ח** ... ועל כן אנו מבקשין קודם קריאת שמע **'אבינו אב הרחמן המרחם רחם עלינו'** וכו'. כי זה עיקר הרחמנות, לדעת ממנו יתברך ולקיים מצוותיו כנ"ל; גם עיין שם הל' קריה"ת ה"ו אות ב': **עיקר הדעת, שהוא עיקר הרחמנות, היא התורה הקדושה שנתן לנו באהבתו ובחמלתו עלינו** בבחינת **'חמלה גדולה ויתירה חמלת עלינו'** הנאמר לענין התורה. וזהו בחינת (משלי לא) 'ותורת חסד על לשונה'; גם עיין שם הל' פקדון ה"ב אות ב': **על ידי התורה יודעין אותו יתברך, שזהו עיקר שעשוע עולם הבא**; עיין גם שם הל' ערבית ה"ד אות ז'.

## 'ועטרותיהם בראשיהם' 'ונהנים מזיו השכינה'

חז"ל זאגן[נז], וואס וועט זיין 'בעולם התחיה'? "**צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם**"; דאס איז מוחין מיט השגות, וואס דאס וועט מען האבן פון דער תורה הקדושה. אזוי ווי עס שטייט[נח]: "**דְּעֶה חָכְמָה לְנַפְשֶׁךָ, וְהִיא כֶתֶר לְרֹאשֶׁךָ**". "עטרותיהם" איז א קרוין. אז א מענטש גייט ארום מיט השגות אין ה' יתברך, דאס איז זיין קרוין, דאס איז דער קרוין פון זיין קאפ.

אט דאס איז טאקע געווען די צוויי קרוינען פון קבלת התורה וואס די שישים ריבוא מלאכי השרת האבן יעדן איינעם אנגעטון[נט]. וואס על־פי קבלה, איין קרוין איז געווען השגות פון תפילין של־יד, און איין קרוין איז געווען השגות פון תפילין של־ראש, וואס דאס איז געווען דער שכר פאר 'נעשה ונשמע'.

טאקע פון דעם קרוין פון תפילין של־יד, פון דעם האבן זיי באקומען א געוואלדיגער נועם, א געוואלדיגע חיות, מיט א געוואלדיגן דעת צו מקיים זיין דער תורה (- בחי' 'לגלות טובו'). און פון דעם דעת און פון דער עטרה וואס איז אנטקעגן דעם קרוין פון 'תפילין של ראש', פון דעם האבן מיר באקומען א געוואלדיגער נועם און א דעת צו עוסק זיין אין דער תורה (- בחי' 'לגלות כבודו').

ריש לקיש זאגט דארט[ס]: "**עתיד הקדוש־ברוך־הוא להחזירן לנו**", אזוי ווי עס שטייט[סא]: "**וּפְדוּיֵי ה' יְשֻׁבוּן וּבָאוּ צִיּוֹן בְּרִנָּה וְשִׂמְחַת עוֹלָם**

---

**נז.** גמ' ברכות דף יז ע"א: מרגלא בפומיה דרב, לא כעולם הזה העולם הבא, העולם הבא אין בו לא אכילה ולא שתיה ולא פריה ורביה ולא משא ומתן ולא קנאה ולא שנאה ולא תחרות, אלא צדיקים יושבין ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה, שנאמר 'ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו'.

**נח.** זמירות ליום שבת, דרור יקרא.

**נט.** כמובא בגמ' שבת דף פח ע"א.

**ס.** גמ' שם.

**סא.** ישעי' לה י.

**עַל רֹאשָׁם**". ווייל אט דאס איז 'שמחת עולם', אט דאס איז 'אייביגע שמחה'; וויסן פון אויבערשטן, זיין דבוק אין אויבערשטן, דאס איז אַן אייביגע שמחה; קיין שמחה איז נישט קיין אייביגע שמחה נאר די שמחה! [סב].

ממילא קומט טאקע אויס, "ועטרותיהם בראשיהם" דאס איז "מוחין", דאס איז "דעת", מען איז משיג דעם אויבערשטן, מען איז דבוק אין אויבערשטן; אט דאס איז וואס דער רבי זאגט אז שבועות איז א '**שכל** גדול **ודעת** גבוה'.

און דאס וואס דער רבי זאגט אז שבועות איז '**חסד** עליון **ורחמים** גדולים', דאס איז דער "ונהנים מזיו השכינה", וואס דאס איז דער 'להיטיב **מטובו** לאחרים'.

### "ורצית בנו" מיינט מען אויך דיר

עס איז כדאי מען זאל נישט פארגעסן דער קדושה פון דעם יום-טוב במשך דעם טאג פון יום-טוב. עס איז כדאי צו געדענקען די פשוט'ע נוסחאות וואס זענען געגעבן געווארן ברוח הקודש דורך די אנשי כנסת הגדולה וואס זיי האבן אונז מתקן געווען ביים דאווענען, כגון, "**אַתָּה בְחַרְתָּנוּ מִכָּל הָעַמִּים אָהַבְתָּ אוֹתָנוּ וְרָצִיתָ בָּנוּ**".

ווען א מענטש ווייסט ווען ווי ווייט דער "אהבתָ אותנו" גייט אויף אים אליין, און ווי ווייט עס גייט אויף יעדן איינעם, וואלט מען זייער אסאך נתעלה געווארן; ווייל יעדער פרט איז א חלק פון דעם כלל.

---

**סב.** עיין ליקוטי הלכות הל' פריה ורביה ה"ג אות כ"ג: כי באמת לאמיתו **אין שום שמחה בעולם כי אם כשזוכין להאמין ולידע ממנו יתברך**, שזה עיקר החיים האמיתיים לכל אחד ואחד כפום מה דמשער בלביה, כמו שכתוב, "כי בו ישמח לבנו" - 'כי בו' דייקא 'ישמח לבנו', **כי אין שום שמחה אחרת באמת חוץ מזה.** ודבר זה אי אפשר לבאר כלל לא בפה ולא בכתב, כי הוא רק לכל חד כפום מה דמשער בלביה, בבחינת נודע בשערים בעלה כנ"ל, וכל אחד ואחד כפי מה שזוכה לפעמים להרגיש מעט עריבות נעימות מתיקות השמחה האמיתית הזאת, יכול להבין זאת היטב.

ביי עכנ'ען, נאך וויפיל עבירות ער האט אפגעטון, שטייט[סג], **"חָטָא יִשְׂרָאֵל"**. זאגט די גמרא[סד]: **"אף־על־פי שחטא - ישראל הוא"**.

"אהבתָּ אותנו ורצית בנו" גייט אויף כל אחד ואחד מישראל!

מען זאל זיך נישט לאזן נאַרן פון דעם בעל־דבר!

א מענטש זאל זיך נישט לאזן אפנאַרן פון דעם בעל־דבר אז אים מיינט מען נישט!

דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן מען זאל עס שפירן באמת.

**"וְרוֹמַמְתָּנוּ מִכָּל הַלְּשׁוֹנוֹת וְקִדַּשְׁתָּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ, וְקֵרַבְתָּנוּ מַלְכֵּנוּ לַעֲבוֹדָתֶךָ וְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ עָלֵינוּ קָרָאתָ"** - דאס איז די הייליגע תורה, וואס דאס איז 'שמותיו של הקדוש־ברוך־הוא' וואס דער אויבערשטער האט דאס אונז איבערגעגעבן!

## דאס ווילד פאלק!

די עצה איז, צוגיין צום יום-טוב - אז **"זה השער לה'"**!

'אמונה' מיט 'תמימות' איז "זה השער לה'"![סה]

ביי יעדער זאך דארף מען צוגיין מיט א שטארקע אמונה, מיט א שטארקע תמימות, אט דאס איז די כלי צו מקבל זיין דעם יום-טוב[סו].

---

**סג.** יהושע ז, יא.

**סד.** סנהדרין מד ע"א.

**סה.** עיין ליקוטי הלכות הל' גלוח ה"ד אות ט"ו: **אי אפשר להתקרב ולדעת מה' יתברך על ידי שום ספירה ומדה וחכמה ושכל כי אם על ידי אמונה** שנקראת "זאת", **שהיא השער והפתח להתקרב ולדעת מה' יתברך**, כי על ידי האמונה יכולין ליכנס לכל המדות ולהתקרב אליו יתברך באמת.

**סו.** עיין שפת אמת לפסח - שנת [תרמ"ז]: וצריכין להאמין כי באלה הימים מתגלה כל הארת הנסים שעשה עמנו השי"ת בזמן חירותנו. ומתן תורתנו. ובזה יכולין להוושע כמ"ש **והי' אמונת עתיך חוסן ישועות** - ע"י האמונה באלה המועדים שנתן לנו השי"ת. מכלל שאמרו חז"ל המבזה המועדות כעובד ע"ז דכ' אלהי מסכה לא תעשה חג המצות תשמור.

"עצתו אמונה" דאס איז די בעסטע עצה!

מען זעט טאקע אין דעם גרעסטן קאפיטל אין תהלים, וואס ביי יעדער וואָרט דערמאנט דוד המלך, אדער תורה, אדער מצוות, אדער 'חוקך', אדער 'פקודיך', הויבט ער אָן: "**אַשְׁרֵי תְמִימֵי דָרֶךְ הַהֹלְכִים בְּתוֹרַת ה'**".

די **גמרא** זאגט אין שבת[סז]: "**אמר רב חמא בר חנינא, מאי דכתיב**[סח]: **'כְּתַפּוּחַ בַּעֲצֵי הַיַּעַר', למה נמשלו ישראל לתפוח? לומר לך, מה תפוח זה פריו קודם לעליו'** - ער גיט ארויס די פירות פאר די בלעטלאך, "**כך ישראל הקדימו נעשה לנשמע**".

זאגט די גמרא, עס איז געווען 'ההוא צדוקי' וואס ער האט געזען רבא איז 'מעיין בשמעתא', און מיטן פיס דריקט ער אויף זיין פינגער און עס גיסט זיך בלוט פון זיין פינגער... האט ער געזאגט: "עמא פזיזא" - א ווילד פאלק, "דקדמיתו פומייכו לאודנייכו" - איידער איר האט נאך געהערט, האט איר שוין געזאגט 'נעשה'; ווי זאגט מען 'נעשה' איידער 'נשמע'? און איר האלט זיך נאך ביי דעם?

האט אים רבא געזאגט: "**אנן דסגינן בשלימותא**" - מיר וואס מיר זענען געגאנגען בתמימות, "**כתיב בָּן**[סט]: **'תֻּמַּת יְשָׁרִים תַּנְחֵם'**" - די תמימות פון די "ישרים" אט דאס האט געפירט אונז אידן צום ריכטיגן תכלית, צום ריכטיגן וועג.

קומט אויס, אז דער אויבערשטער גיט א תורה, האט מען געוואוסט, דארף מען צוגיין צו דעם בתמימות אָן קיין שום חשבון. זעט מען דאך אז דאס איז 'תמימות'[ע].

---

**א"כ המאמין במועדות מתדבק בהקב"ה בלי מסך מבדיל.**

**סז.** פח ע"א.

**סח.** שיר השירים ב ג.

**סט.** משלי יא ג.

**ע.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' קכ"ג: וישראל בעת קבלת התורה היו להם חכמות גדולות, כי אז היו עובדי עבודה זרה שבימיהם, שהיה טעותם על פי חכמות וחקירות גדולות כידוע.

## ליב האבן די תורה אפילו דו פארגעסט

את דער זעלבער רבא - דער עמקן - וואס פון גרויס עמקות האט פון זיין פיגנער געטראָפּעט טראפנס בלוט, ווען ער רעדט וועגן אהבת התורה - זאגט רבא[עא]: **"לעולם ליגריס איניש ואף־על־גב דמשכח"** - דו זאלסט ליב האבן דער תורה אפילו דו פארגעסט - לערן תורה אפילו דו פארגעסט! לערן, ביסטו דבוק אין דער תורה הקדושה!

עס שטייט פון דעם **אר"י הקדוש**, אז א מענטש לערנט דער תורה הקדושה, וואס ער פארגעסט איז מען אים מזכיר בעלמא דאתי[עב] - דער **רבי** ברענגט עס אראפ[עג].

אויך איז דא אמאל א מענטש וואס ער פארשטייט נישט דאס לערנען, האט ער נישט קיין חשק; זאגט רבא, **"לעולם ליגריס איניש אף על גב דמשכח, ואף על גב דלא ידע מאי קאמר, שנאמר**[עד]**: 'גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲוָה'"**; דו זאלסט ליב האבן דער תורה, דו זאלסט ארויסרעדן די ווערטער אליין.

את דאס זאגט רבא - דער עמקן - וואס 'הלכה כמותו בכל מקום' - וואספארא מין אהבת התורה מען דארף האבן.

'ברוך אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו', וואס מיר 'בשר ודם' אויף דער גשמיות'דיגער וועלט, אין אזא עיקבתא דמשיחא,

---

**ולולי שהיו ישראל משליכין מעצמן החכמות, לא היו מקבלים התורה.** כי היו יכולים לכפור בכל, ח"ו, ולא היה מועיל להם כל מה שעשה משה רבינו עמהם ... אך ישראל עם קדוש ראו האמת, והשליכו החכמות, והאמינו בה' ובמשה עבדו, ועל ידי זה קיבלו התורה. והיינו שתרגם אונקלוס (דברים ל"ב): "עם נבל ולא חכם" - 'עמא דקבילו אורייתא ולא חכימו'. כי **עיקר קבלת התורה היה על ידי 'ולא חכימו'**, היינו על ידי שהשליכו מאתם כל החכמות כנ"ל.

**עא.** ע"ז יט ע"א.

**עב.** עיין זוהר ח"א דף קפה ע"א.

**עג.** שיחות הר"ן אות כ"ח.

**עד.** תהלים קיט.

האבן מיר דעם זכות צו זיין 'חבוקים ודבוקים' מיטן רבון כל העולמים דורך דער תורה הקדושה, לעולמי עד ולנצח נצחים.

"והשיאנו ה' אלקינו את ברכת מועדיך לחיים ולשלום לשמחה ולששון כאשר רצית ואמרת לברכנו"; עס זאל נמשך ווערן דורך קבלת התורה אלע ישועות מיט אלע רפואות, 'וימלא ה' כל משאלות לבנו ולבות כל עמו ישראל לטב ולחיין ולשלָם'.

בס"ד

# מזלא טבא וגדיא יאה

לכבוד הני נדיבים אנשי ה' יראי אלקים, אשר נדבה לבם לחזק את מפעלינו הכביר לרגל שמחת לבם השורה במעונתם ה"ה

## מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מעמודי התווך

לרגל אירוסי בתו הכלה שתחי' בשעטו"מ
עב"ג החה"ח **יעקב קאפיל** ב"ר **אשר לעמיל** הי"ו

## ומוה"ר **יונה כ"ץ** הי"ו

שקנה זכות הפצת הקונטרס בוויליאמסבורג

לרגל אירוסי בתו הכלה שתחי' בשעטו"מ
עב"ג החה"ח **משה** ב"ר **בנציון אקערמאן** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא שמשמחות זו ישפע שפע רב לנו ולכל בני ישראל, ורב תענוג ונחת דקדושה כל הימים בביאת משיח צדקינו בב"א משיח צדקינו באנפין נהירין ובחדווא עילאה במהרה דידן אמן

בס"ד

# לזכרון בהיכל ה'

האי צורבא מדרבנן, עסק בתורה ויראה טהורה במסירת
נפשו, התייסר ביסורים קשים ומרים וקבלם באהבה
ובחיבה יתירה ה"ה

## הבה"ח יואל יצחק ע"ה בן
## יבלחט"א מוה"ר **משה** הי"ו

### נלב"ע ביום ג' סיון

תהא הלימוד והחיזוק עילוי לנשמתו
ויצרור בצרור החיים בגן עדן עם הצדיקים

# יאמץ לבך

עס איז דא היינט אזויפיל הסתר פנים, אזויפיל דור המבול, אזויפיל דור הפלגה – אזויפיל. אבער אט דאס אונזער כח – מיר האבן א 'קשה עורף דקדושה' זיך צו האלטן מיטן בורא עולם – פירן ימים טובים, ראשי חדשים, שבתים, אלץ מקיים זיין, דאס איז חשוב 'בלי גבול', 'בלי גבול'!

מען ווייסט דאך אז דער חומר העבירות איז דאך מורא'דיג אין דער וועלט. זאגט אבער דער "מכילתא" (הובא ברש"י שמות כ ו): **"דער שכר פון א מצוה איז פינף הונדערט מאל אזויפיל גרעסער ווי דער חומר פון אַן עבירה!"**. דאס איז שייך ביי יעדער פרט אפילו, ביי יעדער מצוה וואס מען טוט, און בפרט ביי לימוד התורה.

**אט דאס איז די ארבעט וואס מען דארף מקבל זיין אום שבועות – פשוט זיך נעמען צום לערנען!**

(דרשת הכנה לשבועות שנת תשס"ז לפ"ק)